# LIVING TORAH

## פרשת תצוה

**בס"ד. משיחה להתלמידים ולהתלמידות "צבאות השם" שיחיו**
**– בבית הכנסת, אחרי תפלת מנחה – יום ד', פורים קטן ה'תשמ"א**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ווי אָנגעוויזן דורך נשיא דורינו, דורכן רבי'ן דעם שווער, אין דעם מאמר וואָס ער האָט געזאָגט פורים קטן, און האָט אים אָנגעהויבן מיטן פסוק "וקיבל היהודים את אשר החלו לעשות", אַז די אידן פורים-צייט האָבן אויף זיך אָנגענומען, מיט אַ פאַרשטאַרטקייט און מיט אַנטשלאָסנהייט, די תורה מיט אַלע ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן (אין) [מיט] תורה,

און איז דאָרט גלייך ערקלערט – אין דעם מאמר – אַז דאָס איז פאַרבונדן דערמיט וואָס "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז להשבית אויב ומתנקם",

אַז בשעת אַ איד נעמט-אָן אויף זיך תורה און וויל מקיים זיין – און איז מקיים – אירע מצוות, (האָט ער זיך אוי) האָט ער דאָך אויף זיך דעם "אויב ומתנקם", דעם יצר, (וואָס ער גרייט) וואָס ער (גיט) טרעט צו אים צו אויף צוויי וועגן:

אַלס אַן "אויב" – אַלס אַן אָפענער פיינט, וואָס זאָגט אים קלאָר, אַז ער וויל אים חס ושלום ברענגען אויף ניט מקיים זיין תורה ומצוות,

און אַ צווייטן וועג – אַלס "מתנקם", אַז ער פאַרשטעלט זיך און זאָגט אים, אַז ער זאָל ער נאָכגעבן מערניט ווי אַ **ביסעלע**, דערנאָך וועט ער קענען לערנען מערער תורה, דורך דערויף וואָס פריער וועט ער טאָן אַן **עבירה** חס ושלום, אָדער נאָך ענלעכע טענות,

איז ווי אַזוי איז דער "**להשבית** אויב ומתנקם"? אַז ס'ווערט אינגאַנצן בטל דער יצר, און ער קען גאָרנישט ניט אויפטאָן מיט אַ אידן, ובפרט מיט "עוללים ויונקים", מיט אידישע קינדער –

איז דאָס דורך דערויף וואָס די "עוללים ויונקים", די אידישע קינדער, פירן זיך אויף אין אַן אופן פון "יסדת עוז" – זיי שטעלן אַוועק אַלס אַ "יסוד", אַלס אַ גרונט, אויף וועלכן זיי בויען זייער טאָג-טעגלעכע אויפפירונג און דעם גאַנצן לעבן און די גאַנצע הויז זייערע – אויף "עוז" – אויף די שטאַרקייט פון תורה, און מ'גייט מיט אַ שטאַרקייט אין לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות,

איז דאָס איז גענוג און איז מבטל דעם "אויב ומתנקם" – ברענגט אַראָפּ דעם נצחון אין מלחמת היצר.

און פרעגט דאָרטן אויך:

אַ מלחמה איז דאָך פאַרבונדן מיט פיזישע וואַפן און מיט פיזישן כח, וואָס דאָס איז דאָך ניט אין דער פולסטער מאָס ביי "עוללים ויונקים"?

און פאַרענטפערט, אַז דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט, אַז דער אויבערשטער, [וואָס ער איז "**ה' צבאות**", דער וואָס פירט-אָן מיט אַלע אַרמייען, אָנהויבנדיק פון "צבאות השם"], זאָגט, אַז "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר הוי' צבאות",

אַז דורך דערויף וואָס מ'וועט גיין "ברוחי", וואָס דאָס איז דורך לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, וועט מען דעמאָלט ניט דאַרפן אָנקומען ניט צו "כח" און ניט צו "חיל", וואָרום די אידישע קינדער ברענגען דעם נצחון אין דער מלחמה מיטן יצר דורך "יסדת עוז" – דורך האַלטן זיך שטאַרק אין תורה און מצוות אין אַן אופן פון "עוז".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצוה

איז די "צבאות השם" ברענגען דעם אמת'ן שלום, דורך דערויף וואָס באַ זיי איז די אויפפירונג אין אַן אופן פון "יסדת עוז" – אַ שטאַרקייט אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות,

כאָטש אפילו זיי זיינען "המעט מכל העמים", פיזיש זיינען זיי קליין אין צאָל, "קטנים", לגבי די אַנדערע פעלקער –

ווערן זיי דוקא די אָנפירער פון אַלע פעלקער און די אָנפירער פון דער גאַנצער וועלט, און ברענגען **שלום** אין דער וועלט, דורך דערויף וואָס זיי האַלטן זיך שטאַרק אין תורה, און ברענגען אַראָפּ דעם אמת'ן שלום.

וואָס דאָס איז די אַלגעמיינע אויפפירונג פון **יעדערן** פון "צבאות השם"; איר, און די אַלע וואָס הערן (וועגן) איצטער, אָדער די וואָס מ'וועט זיי שפּעטער איבערגעבן,

ס'איז דאָך אָבער אויך דאָ, ווי גערעדט פאָריקן מאָל, [דער] "אָרדער אָוו דהי דעי", די זאַך וואָס איז ספּעציעל פאַרבונדן מיט דעם באַשטימטן טאָג און מיט דער באַשטימטער תקופה,

וואָס דאָס איז אויך אויסגעדריקט אין דעם נאָמען, אַז דאָס הייסט "פורים קטן", וואָרום דאָס איז אַ צוגרייטונג צו דעם **:פורים גדול**",

וואָס ס'איז דאָך פאַרבונדן מיט פאַרשידענע מצוות: מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט **תורה**, ווי לייענען די מגילה; מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט **תפילה**, ווי צוגעבן אין דער תפילה "על הנסים", און אַזוי אויך אין ברכת המזון; מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט **צדקה** – מיט "מתנות לאביונים", און אויך די אַנדערע מצוות פון פורים,

דאַרף מען זיך **צוגרייטן**, אַז דאָס זאָל דורכגעפירט ווערן אין דער פולסטער מאָס דורך יעדערן פון אונז און פון אייך, און דורך אונז – דורך יעדער אידן וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אָנהויבנדיק מקטנם ועד גדולים, פון די גאָר קליינע ביז די גאָר גרויסע,

און באַאיינפלוסן די אַלע אידן צו וועלכע מ'קען דערגרייכן, אַז זיי זאָלן אויך לערנען די הלכות און גרייטן זיך, און דערנאָך דורכפירן דעם ענין בפועל, ו"המעשה הוא העיקר",

אַז באַ יעדער אידן און ביי אַלע אידן, (דורך דער צוג) דורך דעם טאָן די פעולות פון "צבאות השם", ווערט "אורה" – ווערט ליכטיק, און ס'ווערט "שמחה" – (פריילע) אמת'ע שמחה, ווי איר האָט ערשט-אָ געזאָגט אין [די] י"ב פסוקים און מאמרי חז"ל, און ס'ווערט "ששון" – נאָך אַ **צוגאָב-שמחה**, "ויקר" – און אַ **טייערקייט**, דורך מקיים זיין מצוות,

© 2003 Jewish Educational Media, Inc.